שלמה שרייבער

# פון 'אתחלתא דגאולה' צו "השבעתי אתכם"

אינטערעסאנטער אינטערוויו מיט



# הר"ר אביעד נייגער שליט"א

מזכה את הרבים וואס פארשפרייט דעם אור האמונה איבער ארץ ישראל

עס איז געווען א שיינע זומערדיגע טאג אינעם 'קרית משה' געגנט אין ירושלים, ווען א דרייסיג יעריגער יוגנטליכער איז אין איילעניש ארויפגעלאפן די טרעפ. טראץ די איידלקייט וואס זעט זיך אן אויף זיין געזיכט, צייגט עס אויך א ברענענדיגע אנטשלאסנקייט צו דערגרייכן דעם אמת ביז'ן סוף.

ער קלאפט לייכט אויפ'ן טיר, און פונעם אפיס הערט זיך א שטימע "קום אריין". דער יוגנטליכער קומט אריין, אינעם אפיס דערקענט זיך אז מען האט שוין געווארט אויף אים. ער גייט נענטער צום טיש אויף וועמענס שפיץ עס זיצט א איד וואס זיין צאל יארן איז טאפלט פונעם יוגנטליכן. ער זעצט זיך אוועק.

נאך א לאנג פארצויגענעם געשפרעך צווישן די צוויי, הויפטזעכליך פונעם ריכטונג פון דער וואס זיצט ביים שפיץ פון טיש און איז באקאנט אין מדינת ישראל אלס 'הרב' אורי ש., האט דער לעצטער פארענדיגט זיינע ווערטער אנגעצויגענערהייט, זאגנדיג פאר'ן יונגערן, וואס טראגט דעם נאמען אביעד נייגער, אז פון זיין זייט האט זיך דער געשפרעך געענדיגט צוליב צוויי אורזאכן: 1) וויבאלד ער רעדט מיט אן אויפגעברויזן טאָן, און 2) ער גייט אריין אין צו 'קליינליכע' דעטאלן.

דער דאזיגער געשפרעך און בעיקר וואס עס האט געפירט דערצו, איז געווען דער 'מכה בפטיש' אז הרב אביעד נייגער שליט"א, ביז דאן א פארברענטער מזרחי'סט און פייערדיגער אנהענגער פון יענעם ש. והדומה לו, זיך ארויסצולאזן זוכן דעם פולקאמען אמת און דורכלערנען די סוגיא פון 'שלש שבועות' אין די לענג און די ברייט.

ביים ענדע פון זיין דורכגאנג האט ער באשלאסן זיך געמצליך אפהאקן אידעאלאגיש פון יעדעס פינטל סימפאטיע פאר ציונות.

היינט צוטאגס, האט ר' אביעד אראפגעווארפן פון זיך יעדעס צייכן פון זיין אמאליגער לעבן. ער איז פארוואנדלט געווארן אלס חרדי'שער איד וואס איז מדקדק בהלכה בקלה כבחמורה, און איז א פולשטענדיגער מאמין אין די אמת'ע גאולה שלימה וואס וועט קומען במהרה בימינו.

אבער אויסער די רעוואלוציע אין זיין פערזענליכן לעבן, האט ער אונטערגענומען א מעכטיגער פראיעקט וואס ער האט אליינס געגרינדעט מיט זיינע צען פינגער, וואס איז מבאר די שלש שבועות וואס דער רבוש"ע האט באשוואוירן כלל ישראל ביים ארויסגיין אין גלות, און פרעגט אפ איינס נאכ'ן צווייטן די זינלאזע טענות פונעם 'רעליגיעזן ציוניזם', און ער איז מפרסם דעם דבר ה' איבעראל וואו ער קומט נאר אן, בלי פחד ומורא.

דער פראיעקט וואס טראגט דעם נאמען ""ילקוט השבעתי אתכם", האט זיך אנגעהויבן מיט'ן שרייבן קליינע קונטרסים אויף די סוגיא און זיך פארענדיגט אלס מעכטיגער ליקוט פון 13 בענדער, אויסער נאך א גרויסע צאל קונטרסים און מאמרים וואס ר' אביעד פארשפרייט לכל דורש ומבקש מיט'ן ציל צו דערלייכטן די אויגן פון אנדערע אידן, און ער בעט זיך מען זאל אים ארויסהעלפן עס זאל אנקומען צו וואס מענטשן צמאים לדבר ה'.

דער שרייבער פון די שורות האט שוין אין דער פארגאנגענהייט עטליכע מאל אנגעקניפט קאנטאקטן מיט ר' אביעד, ערהאלטנדיג זיינע ספרים און פרעגנדיג פארשידנארטיגע פראגעס ארום דעם, און אצינד לכבוד דעם חג הפסח, דער יו"ט אין וועלכע מיר פרעגלען אריין אמונה אין אונזערע קינדער און פארשפרייטן דעם אור האמת איבער דער גארער וועלט, האבן מיר אפגעהאלטן א גאר אינהאלטסרייכער שמועס צו הערן מער איבער זיין לעבנס געשיכטע און זיין לעבנס פראיעקט.

ליינט און האט הנאה!

## א גוט יאר ר' אביעד, מיר ווילן זיך באדאנקען פאר'ן אראפגעבן פון אייער טייערע צייט פאר די חשוב'ע ליינער פון "דער בלאט", שילדערט אונז קודם אביסל פון אייערע קינדער יארן, וואו זענט איר אויפגעוואקסן?

"איך בין געבוירן אין יאר תשל"ו אין שטאט נהריה, אין צפון ארץ ישראל צו א גענצליך פרייע פאמיליע, אבער ווען איך בין נאך געווען א קליין קינד האבן זיך מיינע עלטערן אריבערגעצויגן קיין כפר גנים, א געגנט אין פתח תקוה. מיינע עלטערן קומען ארגינעל פון רומעניע און זענען אפשטאמיגע פון א חסידישע משפחה.

"אינדערהיים האט מען מיך אויפגעצויגן מיט גלאבאלע 'ווירדן' ווי 'זיין א גוט קינד', 'לעב און לאז לעבן'. קיין שום זאך וואס האט עטוואס שייכות מיט אידישקייט איז אבער ליידער נישט דערמאנט געווארן ביי אונז אין שטוב, נישט שבת, נישט כשרות, און אפילו נישט יום כיפור ל"ע.

"ווען איך בין אלט געווארן דרייצן יאר, איז פארגעקומען אן 'עלי' לתורה צערעמאניע' פאר מיר אינעם דערנעבנדיגן מונקאטשער שול, אבער אין שולע האט מען נישט צופיל געערדעט מיט אונז איבער אידישקייט. די איינציגסטע זאך מיט עטוואס שייכות צו אידישקייט וואס מיר האבן געלערנט איז געווען תנ"ך, אבער נישט אלס עפעס וואס מען איז פארפליכטעט צו פאלגן, נאר מער אלס 'ליטעראטורישע ווערק' מיט שיינע מעשיות [רח"ל]".

מיר באמערקן מיט ווייטאג, ווי אזוי ציונות האט גענומען די הייליגע מצוות ה' וואס אידן זענען מקיים בדחילו ורחימו און ארויסגענומען דערפון דאס גאנצע אינהאלט. אזוי האבן זיי גענצליך אויסגעטרוקנט הייליגע מועדים וזמנים: א בר מצוה ווען מען קומט אריין לעול התורה והמצוות איז פארוואנדלט געווארן אין א הוילע 'צערעמאניע'; די הייליגע פסוקי תנ"ך אלס 'ליטעראטורישע ווערק', חנוכה אלס יו"ט אין וועלכע מען צינדט מנורות צוליב די מכבי 'העלדישקייט', אא"וו.

## ווען און פארוואס האט איר באשלאסן צו ווערן א 'חוזר בתשובה' און אנהייבן היטן תורה ומצות?

ר' אביעד וויקלט אויף זיין היסטאריע:

"ביי די 16-17 יאר, האט פלוצלינג אנגעהויבן אויפשפראצן אין מיר פארשידענע געדאנקען איבער 'חזרה בתשובה', עס האט געהאט פארשידענע צייטן, אמאל מער און אמאל ווייניגער, ביז צוביסלעך האט עס אנגעהויבן אריינגיין אין מיר טיפער און טיפער און שלאגן ווארצלען.

"איך האב דאן אנגעהויבן רעדן צום איבערשטן אויפ'ן מערסט-פשוט'ן אופן, איך האב אים געזאגט "יישר כח" אויף דאס און דאס, וויבאלד מען האט מיך אויפגעצויגן מיט ווירדן פון הכרת הטוב, און דעריבער האב איך געמאכט דעם חשבון, אז וויבאלד עס גייט מיר גוט אין לעבן דארף איך מכיר טובה זיין פאר דער וואס האט עס מיר געגעבן.

"די ערשטע טריט וואס איך האב געטון אינעם שטאפל פון זיך דערנענטערן צו אידישקייט, האב איך מיך אנגעהויבן באנוצן מיט'ן אידישן דאטום אנשטאט די אלגעמיינע גוי'אישע. לויט מיינע דעמאלטסדיגע שוואכע אידישע קענטעניסן, האב איך געשפירט אז מיט דעם בין איך מחזק מיין אידישע אידענטיטעט.

"ווען עס איז אריבער נאך א תקופה, האב איך באשלאסן צו טון עפעס דראסטיש, און איך בין אריין אין א מזרחי'סטישער שול און אונזער געגנט, און געבעטן צו רעדן צום 'רב'. איך האב אים געזאגט אז איך זוך א וועג צו ווערן א 'חוזר בתשובה', זיך אומצוקערן צום אידישן וועג, און ער האט מיך אנגעוויזן, ווי נאטורליך, צו 'מכון מאיר'...

## וואס איז דאס 'מכון מאיר', און וואס לערנט מען דארט?

"דאס איז אן אינסטיטוציע פאר 'חוזרים בתשובה' וואס איז געגרינדעט געווארן אין יאר תשל"ד אויפ'ן וועג פונעם ערשטן ציוני'סטישן רב הראשי א.י. קוק [ימ"ש]. עס איז שווער דאס צו באצייכענען אלס 'ישיבה', וויבאלד ניטאמאל זיי זעלבסט רופן זיך אזוי. זייער הויפט סלאגאן ליינט זיך: "יהדות בנחת רוח"...

"דער הויפט יסוד פון מכון מאיר איז געבויעט אויף אזעלכע סלאגאנען ווי 'אוהב את הבריות ומקרבן לתורה', 'דרך ארץ קדמה לתורה', אין קורצע ווערטער: אלעס וואס מיר הערן פון א געוועגליכער פרייער ווען ער וויל אונז ציינן זיין געוואלדיגע 'בקיאות' אין מאמרי חז"ל.

"דאס לערנען דארט איז געווידמעט הויפטזעכליך אויף ספרי מחשבה און מוסר, מען לערנט דארט עפעס וואס לויט זייער קוק ווינקל ווערט אנגערופן 'אמונה', אבער נישט אויפ'ן וועג ווי אזוי מען איז מחנך דעם חרדי'שן ציבור. די 'אמונה' וואס ווערט דארט געלערנט איז אסאך מער 'פארגעשריטן' און 'וויסנשאפטליך'. זיי פרובירן אריינצולייגן זייער גאנצע כפירה רח"ל אין די ווערטער פון רבותינו הראשונים כמלאכים ווי ספר הכוזרי, שמונה פרקים להרמב"ם, מהר"ל און נאך.

"צו די זעלבע צייט לערנט מען אויך דארט אביסל חסידות, און אסאך 'אנטוויקלונג פונעם תורה שבעל פה'... עס קומען אויך פאר שיעורים אין גמרא, אבער עס איז מער ווייניגער געווידמעט בלויז פאר די וואס זענען אינטערעסירט דערין.

"בקיצור, אין בין דארט נתחנך געווארן אויפ'ן שויס פון די קלאסישע מזרחי'סטישע דאקטרינע, מען האט מיך אויפגעצויגן מיט די 'אמונה' שלימה אז די 'כפירה' וואס ווערט אנגערופן די 'ציוניסטישע מדינה' אט דאס איז דער 'מלכות בית המקדש השלישי', ה' ישמרנו".

## דער 'קרית משה' געגנט אין ירושלים

'מכון מאיר' איז היינט צוטאגס פון די צענטראלע אינסטיטוציעס אינערהאלב דעם רעליגיעז-ציוניסטישן (אדער ווי זיי ווערן גערופן אין קורצן: מזרחי'סטישן) לאגער אין מדינת ישראל, עס פארמאגט ארום 400 סטודענטן, און באזונדער אן אפטיילונג פאר גרים; פאר מיידלעך, און פאר נייע עולים.

עס איז איינקווארטירט אינעם 'קרית משה' געגנט אין דרום-מערב ירושלים, וואס איז היינטיגע צייטן א הויפט צענטער פאר רעליגיעז-מזרחי'סטישע איינוואוינער. אויך זייערע באקאנטע אינסטיטוציעס ווי 'ישיבת מרכז הרב', 'מוסד



מזכה את הרבים ר' אביעד נייגער שליט"א טרעט אויף ביי א כינוס לרגל כ"א כסלו אין ירושלים עיה"ק

הרב קוק', און אנדערע מזרחי'סטישע אקאדעמיעס געפינען זיך אין יענע געגנט.

נאך זיבן יאר לערנען אין מכון מאיר, האט ר' אביעד חתונה געהאט מיט זיין פרוי תחי', אויך פונעם קרית משה געגנט, און זיך דארט באזעצט נאך זיין חתונה, ווען ער זעצט פאר מיט זיינע 'לימודים' אין מכון מאיר. אגב, ער שטאלצירט אז זיין פרוי איז א גרויסע יחסנית, אן אייניקל פונעם בעל התניא, זלאטשובער מגיד, נועם אלימלך, און ארויף ביז'ן מהרש"א, רמ"א, מגלה עמוקות, און נאך.

"איבריג צו זאגן אז מען האט פון אונז שטענדיג אויסבאהאלטן און פארווישט דעם גאנצן טעמע פון די 'שלש שבועות' וואס דער באשעפער האט באשווארן כלל ישראל. ווער עס האט יא ארויפגעברענגט אזעלכע פראגן, איז אפגענטפערט געווארן מיט נארישע תירוצים ווי צב"ש אז דאס זענען זאכן וואס איז נישט מער 'רעלעוואנט' היינטיגע צייטן, עפ"ל", ערקלערט ער זיך.

# דער גרויסער בראָך

אבער דאן האט פאסירט דער גרויסער בראך...

אין יאר תשס"ג, '03 למס', האט דער דעמאלטסדיגער איזראעלי פרעמיער מיניסטער אריק שרון שר"י מיטאמאל געמאכט א שארפן דריי פון זיין אמאליגע עקסטרעם-רעכטע אגענדע און געטוישט דעם דאשיק, פארשלאגנדיג דעם באקאנטן 'ריקצוג פלאן' (תוכנית ההתנתקות) זיך גענצליך ארויסצוציען פון עזה, און עוואקוירן מיט צוואנג די ארטיגע איזראעלי איינוואוינער מיט זייער גאנצער האב און גוטס.

צוויי יאר שפעטער איז דער פלאן באשטעטיגט געווארן אין כנסת המינים, וואס האט נאך מער געהעכערט די ענדלאזע שטורעם איבער'ן לאנד. האבן מזרחי'סטישע סימפאטיקער אפגעהאלטן שטורמישע דעמאנסטראציעס, און אלע געמיטער האבן זיך געקאכט ארום דעם זייענדיג דער געשפרעך פון טאג במשך א לאנגע צייט.

אינעם אנגעגעבענעם טאג האבן איזראעלי קרעפטן עוואקוירט מיט געוואלד ארום 6,800 אידישע איינוואוינער פון 21 געגנטער, אויך באקאנט מיט'ן נאמען "גוש קטיף", בעת די מתנחלים דאווענען, וויינען, זינגען, און שרייען "יהודי לא מגרש יהודי", אבער דאס אלעס האט גארנישט געהאלפן.

מדינת ישראל האט פארענדיגט די עוואקואציע, פארניכטעט די ארטיגע אידישע הייזער, און זיך געענצליך צוריקגעצויגן פון עזה נאך א 38 יעריגע אקופאציע.

ווי ר' אביעד ערקלערט איז "דאס געווען א הילכיגער און ספעציעל ווייטאגליכער פראסק אין פנים פאר יעדן וואס האט זיך פאררעכנט אלס רעליגיעז-ציוניסטיש, און געגלייבט אין די פאלשע "אתחלתא דגאולה" און "ראשית צמיחת גאולתינו" טעאריעס פון די מזרחי, אירע גרינדער און דענקער".

## ווי אזוי האט זיך דאס אנגעזען אינערהאלב דעם מזרחי'סטישן קרייז?

"עס האט פאראורזאכט זייער א גרויסע טיפע בראך וואס האט ארויפגעברענגט ביי צענדליגער טויזנטער פון די דאזיגע קרייזן פארשידענע געדאנקען און מחשבות אז 'אפשר איז דאס וואס מען האט אונז פארקויפט אלע יארן נישט געווען ריכטיג'. ווען דער 'מלוכה' פון 'אתחלתא דגאולה' אויף וועלכע מען 'זאגט הלל ה' אייר', האט אזוי ביטער אנטוישט, און בייזוויליג פארראטן די וועלכע האבן זיך במשך אלע יארן מוסר נפש געווען פאר איר.

"די רעליגיעז-ציוניסטישע קרייז איז דאן געשטאנען פאר א געפארפולע 'פרשת דרכים', ממש אין געפאר פון אונטערגאנג. דער פעסטער שטויס וואס זיי האבן געכאפט פון די מדינה וואס איז געווען אזוי ארויפגעקוקט אין זייערע אויגן, און האט זיי אצינד אזוי ברוטאל פארטריבן און פארלאזט, האט געשאפן אן ערנסטע קריזיס ביי די אלע וואס האבן אריינגעלייגט אויף איר אלע האפענונגען.

"מען האט זיך דארט געזארגט, אז אצינד וועלן רוב פארוואנדלט ווערן אין פרייע בירגער נאך וואס זייערע הויפט אמונה פרינציפן האט זיך צופיצלט פאר די אויגן, און דער אנדערער טייל, וואס איז מער רעליגיעז, וועט אנערקענען אין די פאלשקייט מיט וועלכע מען האט זיי אויפגעצויגן און פארוואנדלט ווערן אלס פולשטענדיגע אידן יראים ושלמים".

עס האט געהאלטן אזוי ווייט, אז אין פארשידענע מזרחיסטישע קרייזן האט זיך אינעם נאכפאלגנדן ה' אייר, דער א.ג. 'יום העצמאות' חגא פון מדינת ישראל, געקאכט א גאנצער פאלעמיק צי מען זאל ווייטער פראווען דעם חגא אדער נישט, און מערערע האבן געזאגט אז מען זאל כאטש אויפהערן זאגן הלל מיט א ברכה. אזוי ווייט איז געגאנגען די אנטוישונג.

# מאַסיווע מזרחי מוח-שווענקונג

זיך דערזעענדיג אין א טיפן פלאנטער, אין א צייט ווען דער יוגנט האט אנגעהויבן שטעלן פראגן איבער אלעם וואס מען האט זיי געפרעדיגט במשך די יארן, האבן די פירער פון יענע קרייזן, אנשטאט מודה זיין אין זייער טעות און מיט'ן זארג נישט צו פארלירן זייער איינפלוס און פאזיציעס, זיך ארגאניזירט און אנגעהויבן אונטערנעמען שריט דאס אפצושטעלן...

"זיי האבן אריינגעשפריצט אינעם פובליק פארשידענע סארט בראויגונג מיטלען, און א פארצווייגטע פראפאגאנדע אפאראט האט פרובירט צו ערקלערן אז טראץ וואס די מדינה פירט זיך אזוי ווי עס פירט זיך בפועל, פארבלייבט עס נאך אלץ אויפ'ן שפיץ לייטער פון חשיבות און דער 'אתחלתא דגאולה' דמיון בלייבט בתוקף. עס זענען ערשינען צענדליגער גליונות און בראשורן וואס האבן אראפגעברענגט אלע סארט ציטאטן פון פריערדיגע מזרחי פירער אויפ'ן זעלבן גייסט".

און זיי האבן ליידער טאקע מצליח געווען, און כאטש וואס אינעם קלענערן פארנעם איז געווען אזעלכע וואס האבן זיך אפגעשאקלט פון זייער אידעאלאגיע, האבן זיי אבער אינעם ברייטן בילד צוביסלעכווייז באוויזן צו בראויגן דעם צושטאנד, און ווי ר' אביעד ערקלערט די סיבה: "ווייבאלד די רעליגיעז-ציוניסטישע קרייזן זענען שטענדיג נתחנך געווארן זיך צו באנוצן מער מיט די געפילן און וויניגער מיט'ן מוח".

"דאס האט געברענגט אז די ברייטע פראפאגאנדע האט באוויזן צו האלטן דעם טראסט פון זייער ציבור אינעם פאלשן וועג, מיט א ווייטערדיגע פארגלייבטקייט אין די מדינה, וואס אויסער וואס איז זי א פולשטענדיגע מרידה בה' ובתורתו, האט עס אבער אויך געשפיגן אין פנים פון ווער עס גלייבט דערין און געשטויסן אלע וואס האבן זיך געלאזט קאסטן בלוט פאר איר, אנגעהויבן פונעם 'ימית' עוואקואציע אין תשמ"ב,







טייל פון די פילע חיבורים וואס ער האט זוכה געווען ארויסצוגעבן להאיר עיני ישראל

שפעטער די 'התנתקות' און אזוי ווייטער".

אבער פאר מענטשן וואס טראכטן עטוואס טיפער, אביסל ארויס פונעם אויבערפלעכליכן עמאציאנעלן בליק וואס איז כאראקטעריסטיש פאר'ן דאזיגן ציבור, האט די פראפאגאנדע נישט צוגעשטעלט די 'סחורה' וואס עס האט געדארפט פארזארגן. שווערע פראגן זענען ארויפגעקומען אויפ'ן טיש, און איינמאל עס האט זיך ארויפגעלייגט אויף די טיש איז עס נישט אזוי שנעל אראפ.

ר' אביעד זאגט איידל: "איך בין געווען פון די וואס האבן געטראכט אביסל טיפער"...

"אלעס וואס זיי האבן געשריבן אין זייערע גליונות האבן זיי איבערגע'חזר'ט און מעלה גֵרה געווען איינמאל און נאכאמאל, און מיטאמאל האב איך אנגעהויבן כאפן אז זיי באנוצן זיך מיט 'דעמאגאגיע' און ערציען דעם יוגנט מיט הוילע 'סלאגאנען'. אזוי ווייט אז עמיצער פון זייערע 'גדולים' האט דעמאלטס געזאגט: "אויב די יונגטליכע פון אונזערע מיליטער-צוגרייטונג קאלעדזשעס האבן אויך אנטיילגענומען ביים פארטרייבן די גוש קטיף איינוואוינער, איז א סימן אז מיר זענען דורכגעפאלן מיט אונזער חינוך"...

אנשטאט איינצוזען אז זייער גאנצער באלאן האט געפלאצט אויף א הילכיגן פארנעם, אין די צייט וואס אט די 'אתחלתא דגאולה' מדינה האט פארטריבן טויזנטער אידישע איינוואוינער פון זייערע היימען אין 'ארץ ישראל' און זיי ביטערליך אנטוישט, האט ער גאר אויסגעדרייט די מעשה: ניין, נישט אז עס איז נישט פארהאן קיין אתחלתא דגאולה, נאר דער חינוך האט נישט געטויגט...

ר' אביעד פרעגט רעטאריש: "אויב ביזטו א בר דעת, דאן דארפסטו אליינס אריינטראכטן און פרעגן די קשיא, פארוואס זאל איך שיקן מיינע קינדער צו אזעלכע מענטשן וואס זיי זענען אליינס מודה אז זייער חינוך איז געווען א דורכפאל?!"...

# פון 'קרית משה' צום 'תורת הגלות'

## וואו האט איר געוואנדן אייערע קומענדיגע טריט?

"אלס איד וואס זוכט דעם אמת, האב איך אנגעהויבן בעטן דעם אויבערשטן ער זאל דערלייכטן מיינע אויגן, איך זאל זוכה זיין צו טרעפן דעם ריכטיגן אמת'ן וועג.

"ערגעץ וואו אין יענע תקופה בין איך געווען אין מאה שערים, און איך האב מיך אנגעשטויסן אין א קונטרס מיט'ן נאמען "תורת הגלות", א קליין קונטרס'ל פון 44 עמודים וואס ברענגט אראפ א תמצית פון אסאך ראשונים און אחרונים איבער די שלש שבועות, אזוי ווי רבינו בחיי, מהר"ל און נאך ראשונים, ביז אחרונים ממש ווי דער ספר הק' "ויואל משה".

"אזוי קוקנדיג דערין האט עס מיר דערמאנט, אז פאקטיש האב איך מיך שוין אין דער פארגאנגענהייט אנגעשטויסן אין גמרא און ראשונים ואחרונים וואס רעדן איבער די טעמע, נאר איך האב מיך נישט באצויגן דערצו געוועגע ערנסט, וויבאלד יעדעס מאל וואס איך האב געלערנט עפעס וואס איז פארבינדן דערמיט, האבן מיר מיינע דעמאלטסדיגע רבי'ס געזאגט אז די טעמע פון שלש שבועות איז מער נישט נוגע היינטיגע צייטן...

"פארשידענע ראשונים און מקורות וואס איך האב געדענקט אז זיי רעדן פון דעם ענין, זענען נישט ציטירט געווארן אינעם דערמאנטן קונטרס, און דאס האט מיך געברענגט מער אנצוהייבן טיפער פארשן די נושא, נאכ'ן זען אז דאס איז ברייט-פארצווייגט מיט אומצאליגע מקורות.

"איך האב מיך אנגעהויבן פארטיפן אינעם ענין, און דעמאלטס, האט אנגעהויבן אנקומען פארשידענע שמועות צו די אויערן פון די 'רבנים' וואס שטייען אין שפּיץ פון 'מכון מאיר' אז איך האב "אנגעהויבן גריבלען רח"ל", און אז איך האב שווערע שאלות איבער אלעם וואס מען האט מיר געלערנט ביז היינט. בקיצור, די שמועות האבן געזאגט: "אביעד נייגער הייבט אן ווערן א חרדי"...

## די דאזיגע 'רבנים' האבן אייך עפעס געזאגט דערוועגן?

"אודאי, צוליב די דאזיגע שמועות, וועלכע איז זיי פארשטייט זיך נישט געפּאַלן, בין איך גערופן געווארן צום אפיס פון אורי ש., איינער פון די גאר באקאנטע 'רבנים' אינערהאלב דעם רעליגיעז-ציוניסטישן קרייז. איך דארף צולייגן אז אין די תקופה וואס איך האב געלערנט אין 'מכון מאיר' בין איך געווען זייער נאנט מיט אים, געוויסע תקופות בין איך ממש געווען א בן בית, און ער איז געווען ווי א רוחניות'דיגער פאטער פאר מיר".

אורי ש. איז געבוירן אין אלזשיריע, און זיין זיידע איז שוין געווען א דעפוטאט ביים ציוניסטישן קאנגרעס. ער איז א פאנאטישער ציוניסטישער סימפאטיקער, וואס לויט אים האט זיך דער 'אתחלתא דגאולה' אנגעהויבן ביים באלפור דעקלעראציע, און די גרינדונג פון מדינת ישראל האט שוין כמעט פארענדיגט דעם גלות און אנגעהויבן אן א.ג. 'ימות המשיח' פעריאדע... (אגב, זיינס א זון איז רח"ל ערמארדעט געווארן מיט פיר יאר צוריק ביי א טעראר אטאקע אין ירושלים, זעט אויס אז דאס איז אויך א חלק פונעם ימות המשיח. א ביטער געלעכטער).

מיר וועלן נישט מטמא זיין די אויגן פון אונזערע לייענער מיט'ן ציטירן נאך אזעלכע 'פערל ווערטער', אבער דער זעלבער פארשוין איז אויך ביי די מיינונג אז אידישקייט איז א 'נאציאנאליטעט' מיט א לאנד און נישט קיין 'רעליגיע', פונקט דער היפוך וואס מיר געפינען אין די פסוקי התורה, און ווי דער באקאנטער אויסדרוק פון רב סעדיה גאון בלשונו הטהור "אין אומתינו אומה אלא בתורתה", וויבאלד דער עיקר תכלית פון א איד אויף דער וועלט איז שמירת התורה וקיום המצוות און גארנישט עפעס אנדערש. אויך ארץ ישראל איז א מתנה פון השי"ת צו קענען בעסער מקיים זיין די מצוות התורה, אבער אויב אידן זינדיגן דארט ח"ו דאן איז דא די הבטחה פון "תקיא הארץ אתכם", און אידן זענען שוין ליידער אזוי לאנג פארטריבן אין גלות, מפני חטאינו.

**צוריק צו ר' אביעד:**

"איך בין אריינגעגאנגען צו אים, און ער פרעגט מיך צום ערשט 'וואס האט פאסירט?', איך האב אים געענטפערט אז איך בין געקומען צו די פשוטע און קלארע מסקנא: אין קעגנזאץ צו וואס מען האט מיר געלערנט ביזן היינטיגן טאג אז מיר זענען אין א תקופה פון א 'גאולה', זענען מיר פאקטיש אין א מצב פון גלות! נישט קיין גאולה!

"איך האב אים איבערגעזאגט פארשידענע מקורות און ראשונים וואס האבן מיך געפירט צו די דאזיגע מסקנא, אזוי ווי רש"י, בעל הטורים און נאך. האט ער מיר געזאגט אז זיי פארלאזן זיך אויפ'ן רמב"ם, האב איך אים געזאגט אז אדרבה, פונעם רמב"ם איז משמע פונקט פארקערט.

"ער האט נאכאמאל פרובירט און געברענגט א מהר"ל, האב איך אים געזאגט אז במחילת כבודו, נישט אזוי לערנט מען



די חורבנות און איבערבלייבענישן פון די גוש קטיף התנחלויות נאכ'ן איזראעלישן ריקצוג (התנתקות)

דעם מהר"ל, און איך האב אים אויפגעוויזן אז די פירושים וואס ער קוועטשט אריין אינעם מהר"ל איז גענצליך אפגעפרעגט אזוי ווי מען זעט פון זיין לשון זעלבסט.

"ביי דעם מאמענט האב ער מיר געזאגט מיט אן אנטשלאסענעם טאן, אז ער ווילן מער נישט רעדן מיט מיר איבער די טעמע און בכלל מער נישט אויסטוישן קיין ווארט. איך האב אים געזאגט אז אלעס איז פיין און וואויל, אבער א תשובה אויף אלע מיינע ארגומענטן האב איך נישט באקומען. אנשטאט אן ענטפער האט ער מיך צוריקגעווארפן דעם 'גאוני'שן' דיאגנאז: דו רעדסט מיט אן אויפגעברויזן טאָן און גייסט אריין אין צו 'קליינליכע' דעטאלן...

"ביי דעם מאמענט, הערנדיג אזא 'ענטפער' אויף זאכליכע טענות, האב איך נאך אסאך טיפער פארשטאנען אז במשך אלע יארן האט מען מיך אפגענארט און געפירט אין באָד אריין מיט הוילע ליגנטס און נארישקייטן, משאות שוא ומדוחים.

"כדי צו פארשטיין זיין קוק ווינקל, דארף איך באמערקן אז דאס רעליגיעז-ציוניזם גלייכט נישט באמת ווען ער עמיצער טוט זיך זעלבסט דערגרונטעווען אין תורה, זיי פארכטן זיך אז אויב עמיצער וועט לערנען צופיל תורה און זיך אליינס פארטיפן דערין, וועט ער לייכט באמערקן זייערע ליגנערישע טעאריעס וואס שטייט אויף הינערנע פיס. אצינד ווען ער האט באמערקט אז איך האב מיך זעלבסט אומאפהענגיג פארטיפט אין די סוגיא, האט ער זעלבסט פארשטאנען אז מער האט ער נישט וואס צו רעדן צו מיר.

"בעצם, זייער גאנצע רעליגיעזע לעבן איז געבויעט אויף כל ערליי לאזונגען און ציטאטן וואס זיי נעמען ארויס פון די הייליגע תורה און פארוואנדלען עס אלס הויכפונקטן לויט וועלכע זיי לעבן. זיי נעמען אבער נישט באמת די תורה הק' אלס 'לעבנס וועגווייזער', נאר שלעפן ארויס דערפון די מער לייכטע און געשמאקע טיילן, און דאס איבריגע נישט".

## ווי אזוי האבן אייערע געוועזענע חברים רעאגירט צו אייער דראסטישער טויט?

"ווי געזאגט האבן זיך די שמועות בליץ שנעל פארשפרייט אין קרית משה און מכון מאיר, און זיי האבן געטראפן א נייע טריק מיך אפצוקילן. עס האבן מיטאמאל אנגעהויבן ערשיינען ביי מיר אין שטוב אלע סארט 'חברים' פון מכון מאיר וועלכע האבן מ'כלומר'שט געוואלט הערן וואס איך האב צו זאגן, און געבעטן איך זאל זיי זאגן מיינע טרעפונגען, ווען זיי שטעלן אן א 'פני תם' כאילו זיי ווילן עס טאקע ערנסט איבערקלערן.

"איך האב זיי ערקלערט מיין גאנצער אמת בטוב טעם ודעת, אבער נאך אפאר טעג זענען זיי צוריקגעקומען זאגן אז זיי זענען נישט געווארן איבערצייגט, און אדרבה, מיינע טענות זענען נארישע און נישט צום זאך. ווען דאס האט זיך איבערגע'חזר'ט 3 מאל און 4 מאל, האב איך פארשטאנען אז דאס איז נישט מער ווי אן אומגעלונגענער פרואוו צו פרובירן אויף אלע אופנים איך זאל באקומען קאלטע פיס.

"וואס עס האט מיך דאס מערסטע באוואויגן פארצוזעצן ווייטער, איז געווען דער אופן ווי אזוי זיי האבן מיך 'אפגעענטפערט'... לדוגמא האבן עטליכע געזאגט אז מיינע

ווערטער האט זיי נישט באוויזן צו איבערצייגן, אויף וואס איך האב געענטפערט אז דאס האט גארנישט מיט מיר, איך זאג סך הכל איבער וואס עס שטייט אין ספרים: "ווער האט נישט באווייזן אייך צו איבערצייגן? דער רמב"ם? בעל הטורים? מהר"ל, אלע ראשונים און אחרונים?!"...

"אנדערע האבן זיך דערוואגט צו זאגן מיט חוצפה אויף די הייליגע ראשונים און אחרונים וואס איך האב ציטירט: "און וואס איז אז ער האט געזאגט?". פאר אזעלכע האב איך געענטפערט מיט די זעלבע מטבע: "און וואס איז אז אברהם יצחק קוק און זיין זון האב געזאגט אזוי און אזוי?"...

"אזוי ווי דער גאנצער מזרחי'סטישער חינוך איז בעיקר געבויעט אויף געפילן און ווייניגער אויף שכל, איז אויסגעקומען אז ווען איך האב אמאל אויפגעברענגט פאר עמיצן אז מיר געפינען זיך נאך אין גלות און בכלל נישט אין א גאולה, האט ער געענטפערט: 'א ברונעם פון וועלכע דו האסט געטרינקען זאלסטו נישט שפייען דערין', און אז איך בין סתם א 'כפוי טובה'...

ר' אביעד זאגט מיט א שמייכל: "מיט העכער א יאר צוריק איז פארעפענטליכט געווארן א רעפארט פונעם איזראעלישן סטאטיסטיקס ביורא, פון וועלכע עס שטעלט זיך ארויס אז 45 פראצענט מזרחי'סטן ווערן שפעטער פריי, און 5 פראצענט ווערן חרדים. אויב אזוי פארוואס זאגן זיי נישט די זעלבע טענה קעגן די וואס זענען אויפגעוואקסן ביי זיי און דערנאך אויסגעטון די קאפלעך אז זיי שפייען אריין אינעם ברונעם?!"...

# ר' אביעד אַלס מפיץ האמונה

## ווען האט איר באשלאסן אנצוהייבן אייער פראיעקט צו פארשפרייטן דעם אמת און אפווענדן דעם שקר?

"עס האט זיך אנגעהויבן צוביסלעך. איך האב קודם אנגעהויבן אפשרייבן פאר מיר פארשידענע בירורים אויף פארשידענע שאלות וואס איז ארויפגעקומען ביים זיך פארטיפן אין די טעמע, און איך האב עס בעיקר אפגעשיקט צו מיינע געוועזענע חברים צו הערן זייער רעאקציע.

"ביי א געוויסער מאמענט, נאך וואס איך האב געלערנט און מיך פארטיפט אין די שלש שבועות סוגיא, האב איך צוגעלייגט קאפ אז למעשה איז נאכנישט פארהאן קיין באזונדערער ספר וואס זאל צוזאמנעמען אלע מקורות פון דברי חז"ל אויפ'ן הארבן איסור. אלע ספרים וואס רעדן דערוועגן, אזוי ווי די הייליגע

Yirmiyahu Cohen
2714 Ave. I
Brooklyn, NY 11210

ירמיהו קאהן
ברוקלין, נוא יארק

הנה בדורינו השפל כאשר פשט נגע הציונות לתוך מחנה שומרי ומצות והם נעשו בעוה"ר ראשי תנועת ההתגרות באומות העולם, והכותבים שלהם מחפשים תמיד היתרים ותירוצים על השלש שבועות, ועתה הנקל לכתם בחטאות הציונים הראשונים לכבוש את הארץ, אלא מבקשים להתגרות עוד ע"י עלייה להר הבית, וכבר נפלו על ידי מעשיהם כמה קרבנות מישראל ר"ל. ונתקיימו דברי חז"ל שעתידה תורה שתשתכח מישראל (שבת קלח ע"ב) ופירש רבינו הסאטמאר זי"ע בספר ויואל משה דהיינו שיהיו אלו מתירים ואלו אוסרים וא"א להכריע ביניהם על פי הכלל דאחרי רבים להטות או שאר כללים, כיון שאין יודעים מי פוסק לאמיתו של תורה ומי מושפע מרוח הזמן, ובעת כזאת העצה היחידה לידע הלכה ברורה היא מ"ש בשיר השירים צאי לך בעקבי הצאן, ופירש רש"י התבונני בדרכי אבותיך הראשונים. אך דא עקא שהמתחדשים טרחו לסלף הספרים להטעות את העולם כאילו גדולי דורות הראשונים היו גם כן עולים להר הבית ועושים ככל מעשי המזרחי דהיום. ולזה קם האברך היקר הרב אביעד נייגער שליט"א לברר סוגיא זו בכתב והביא כל העדויות ופסקי הלכה בענין הר הבית מזמן החורבן ועד עתה, וציין לכל הסילופים וההשמטות שעשו תומכי העלייה כדי להכשיל את ישראל בעון חמור זה. על כן הנני לברכו שיצליח להפיץ את ספרו ללמד טועים בינה ולהציל ישראל מסכנה רוחנית וגשמית גם יחד. ועל זה בהעה"ח ד' לפרשת ויקהל פקודי תשע"ז.

הרה"ג ר' ירמי' קאהן שליט"א פון מוסד הק' "נטרונא" לויבט אויס די פענאמענאלע ווערק פון ר' אביעד שליט"א

ווערק פונעם סאטמארער רבי'ן, האבן בעיקר ארומגענומען די סוגיא לאסוקי שמעתתא אליבא דהלכתא, אבער קיין שום ספר ברענגט נישט אראפ אלע מקורות, און עס איז דא אומצאליגע מקורות!

"דעמאלטס האב מיך אויפגעבליצט דעם געדאנק, צו שרייבן א גרויסער חיבור וואס זאל ארומנעמען דעם גאנצן סוגיא פון אנפאנג ביזן ענדע, אָן איבערלאזן א שטיין אומבארירט, עפעס אזוי ווי אן 'ענציקלאפעדיע' אויף די שלש שבועות. איך האב דאן מיך ארייגעלאזט אין די ארבעט און געזען אן אומבאשרייבליכע ברכה אין מיין ווערק".

ר' אביעד זאגט מיט אן אומבאהאלטענע התרגשות: "די דריטע אויפלאגע וואס וועט בקרוב נתפרסם ווערן, ציט זיך אויף נישט וויניגער פון 14 בענדער!", און ער דערציילט: "איך האב צוביסלעך אנגעהויבן מלקט זיין מקורות, און פלוצלינג האב איך אנטדעקט אז איך האלט שוין ביי 1000 עמודים, און דערנאך 2000 עמודים, דאן האב איך באשלאסן אז צוליב מאנגל פלאץ דארף מען עס צוטיילן צו באזונדערע בענדער, ביז עס האלט שוין ב"ה היינט ביי 13 בענדער". ער האט אויך געגרינדעט אן "אָנליין באזע" וואס אנטהאלט אלע זיינע ספרים און מאמרים, אז יעדער איבער דער וועלט וואס זוכט עס זאל האבן באלדיגע צוטריט דערצו.

פאלגענד איז א שנעלע איבערבליק אויפ'ן תוכן פון די בענדער וואס טראגט דעם נאמען "ילקוט השבעתי אתכם":

- 1'טע באנד: מקורות פון פסוקי תנ"ך, תנאים און אמוראים, ביז די רבנן סבוראי;
- 2'טע באנד: דברי רבותינו הראשונים איינגעטיילט לויט די יארן און די לענדער וואו זיי האבן געוואוינט;
- 3'טע און 4'טע באנד: רבותינו האחרונים פון די ספרדי'שע לענדער;
- 5'טע באנד: אחרונים אין אייראפע און ארץ ישראל ביזן תקופת הבעש"ט;
- 6'טע, 7'טע או 8'טע באנד: גדולי החסידות פונעם בעש"ט הק' און ווייטער, לויט די סדר השתלשלות הדורות;
- 9'טע און 10'טע באנד: דער ווילנער גאון און זיינע תלמידים;
- 11'טע באנד: דער חתם סופר ותלמידיו;
- 12'טע באנד: חכמי ישראל פון מזרח אייראפעאישע לענדער;
- 13'טע באנד: אחרונים אין מערב אייראפע און צפון אמעריקע;
- 14'טע באנד מיט'ן נאמען 'שער ההבהרות' אן אויספיר הלכה למעשה וואס עס דארף זיין דער באציאונג פון אן ערליכער איד כלפי די ציוניסטישע מדינה.

## ווי אזוי האבן אייערע געוועזענע 'ידידים' רעאגירט צו די פילע ספרים וואס איר האט מלקט געווען און געשריבן?

"ווי געזאגט, די 'חברים' פונעם מכון האבן מיך שוין לכתחלה אנגעקוקט מיט אן אומגינסטיגן בליק, מילד גערעדט. אבער ווען איך האב אנגעהויבן פארשפרייטן מיין ווערק ברבים, האבן זיי עס שוין באטראכט ווי איך רייס אראפ אלעם וואס איז הייליג ביי זיי, און עס האט זיי ממש אויסגעשטאכן די אויגן, צווישן אנדערע וויבאלד איך באפאס מיך מיט אלע זייערע לאנגיעריגע 'ביאורים' און 'קשיות' פארוואס היינטיגע צייטן זענען שוין די שלש שבועות נישט רעלעוואנט, און אלעס ווערט אפגעענטפערט קליפ און קלאר בטוב טעם ודעת.

"א טייל, האבן אויך אנגעהויבן מיך פאקטיש צו רודפ'ן", דערציילט ער, "צווישן אנדערע האבן זיי ארויפגעפירקלט גראפיטי נאנט צו מיין הויז מיט א פרואוו מיך צו צווינגען צו אנטלויפן פון דארט צוליב מיין גרויסע 'זינד' פון פארשפרייטן דעם אמת. די גראפיטי האט זיך געליינט (אויף אידישע איבערזעצונג) 'דאס איז אן אויסשליסליך ציוניסטישע געגנט' און 'חרדים גייט קיין איראן'.

"נאך ביז היינט לייד איך פארשידענע פארפאלגונגען. מזמן לזמן קומען אן קינדער קלאפן אויף מיין טיר און דערנאך געבן זיי שנעל אן אנטלויף. אויסער דעם וואס איך באקום צומאל אויפגעברויזטע בליקן אויפ'ן גאס אזוי ווי פונעם 'ראש ישיבה' פון מרכז הרב"...

# דער ריזיגער "שלש שבועות" ליקוט

## עס זענען שוין דא פארשידענע ספרים און קונטרסים איבער'ן חומר האיסור פון די שלש שבועות, ובתוכם דער ספה"ק ויואל משה, טא פארוואס פעלט אויס ארייצוליייגן אזויפיל כוחות אין דעם?

"מערסטנס ספרים וואס זענען מבאר דעם איסור פון שלש שבועות זענען בלויז מסביר דעם איסור און זיין תוקף, און קומען 'מחזק' זיין די שיטה פונעם הייליגן סאטמארער רבי'ן, און דעריבער ווערן די דאזיגע ספרים באטראכט דורכ'ן המון עם אלס עפעס אן איינצעלנע שיטה וואס דער סאטמארער רבי 'האט געגרינדעט' וואס פארפליכטעט נישט אלע אידן, וויבאלד מען מעג - טענה'ען די רעליגיעזע און חרדי'שע פארטייען - האלטן אנדערש ווי דער סאטמארער רבי.

"אבער דער דאזיגער חיבור, טוט אויפווייזן אז דאס איז גארנישט עפעס קיין נייע איסורים, נאר יסודתה בהררי קודש פון אלע גדולי ישראל במשך אלע דורות, אנגעהויבן פון די פסוקי תנ"ך ביז די סאמע לעצטע אחרונים, אזוי אז דער איסור אויפצושטעלן א מדינת הכפירה קען מען נישט אפוועגדן פאר קיין געלט אין דער וועלט, זאל זיין ווער עס זאל זיין!.

"אין אנדערע ווערטער, עס נעמט צוזאם די אלע טויזנטער מקורות אונטער איין דאך, און עס טוט באפעסטיגן די ווערק פון רביה"ק מסאטמאר זי"ע אלס אייזן פעסטער יסוד וואס מען קען בשום אופן נישט אפפרעגן, וזאת התורה לא תהא מוחלפת!".

צוויי יאר, דאס איז די צייט פעריאדע וואס עס האט גענומען פאר ר' אביעד צו שרייבן דעם גרויסן חיבור, און ער איז עס תולה אינעם סייעתא דשמיא וואס באגלייט די וואס זוכן דעם אמת, ובפרט פאר בעלי תשובה וואס האבן אליינס געמאכט א רעוואלוציע אין זייער לעבן וואס שפירן בחוש ווי די השגחה עליונה באגלייט זייערע טריט.

## צו וועמען איז בעצם אייער ווערק געווענדן, און צי איז דאס אן אויפוואכונג ביים מזרחי'סטישן ציבור צוליב דעם?

"צום אלעם ערשט, איז וויכטיג צו באטאנען, אז די ספרים זענען געאייגנט פאר יעדן איינציגער איד וואס וויל לערנען און זיך פארטיפן אין די סוגיא פון שלש שבועות, וועלכע, אזוי ווי יעדע אנדערע סוגיא אין די תורה הק', איז 'ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים'. עס איז זייער וויכטיג זיך צו פארטיפן דערין צוליב די ליגנערישע מזרחי'סטישע פראפאגאנדע וואס דרינגט ליידער אריין אויך ביים חרדי'שן ציבור - ספעציעל ביים אגודיסטישן ציבור, וועלכע ווערט נישט נתחנך מיט די הארבקייט דערפון, און פון דארט קומט עס אן אויך ביז סאטמאר.

"מיין וויזיע איז דאס צו פארשפרייטן ווי מער און בעז"ה מצליח זיין צו מעורר זיין אנדערע אידן, ובפרט אזעלכע אינערהאלב דעם מזרחי'סטישן קרייז, וואס פארמאגט צווישן אנדערע תמימות'דיגע מענטשן וועלכע זענען ליידער אויפגעצויגן געווארן מיט ליגנט און שקר".

אויסער דעם ילקוט השבעתי אתכם האט ר' אביעד געשריבן צענדליגער קונטרסים און הונדערטער מאמרים וועלכע פרעגט אפ דעם כפירה'דיגן געדאנקען גאנג פון די מזרחי.

"לגבי די רעאקציעס ביים ציבור: איך בין פערזענליך באקאנט מיט צענדליגער געוועזענע מזרחי'סטן וואס האבן זיך אויפגעכאפט פונעם ליגנערישן 'אתחלתא דגאולה' חלום" זאגט ער מיט סיפוק. צווישן די פילע דאנק ווענדונגען וואס ער האט שוין ערהאלטן, צייגט אונז ר' אביעד אויף א בריוו פון אן איינוואוינער אין רמת גן, וואס ברענגט ארויס ווי אזוי דאס האט געטוישט זיין לעבן: "אן צווייפל אז דער ספר ויואל משה און דער וועבזייטל פון ילקוט השבעתי אתכם, האט געמאכט א ריכטיגע רעוואלוציע אין מיין גאנצע געדאנקען גאנג".

"איך באקום ב"ה ווענדונגען פון אסאך מענטשן פון איבער די גאנצע וועלט מיט שאלות אין די דאזיגע סוגיות, און ברוך ה' אז אין מיין זכות האבן זיי געפינען ענטפערס אויף זייערע פראגן. צומאל איז דא מענטשן וואס ווענדן זיך צו מיר מיט אויפברויז און קללות, אבער איך ענטפער זיי בדרכי נועם צום פינטל, און שפעטער בעטן זיי מיר איבער, און זאגן אז די ווערטער וואס איך האב זיי געענטפערט האט זיי אויפגעשיינט די אויגן".

ר' אביעד באמערקט מיט צופרידנהייט: "אין דער

פארגאנגענהייט אויב עמיצער האט געהערט איבער די 'שלש שבועות' און געזוכט אינפארמאציע דערוועגן, פלעגט ער אנקומען בלויז צו מזרחי'סטישע מקורות מיט אלע זייערע סילופים און עם ארצות, היינט באגעגנט מען ב"ה דעם ילקוט השבעתי אתכם", פירט ער אויס מיט הנאה.

## און ווי אזוי פינאנצירט מען אזא מעכטיגער פראיעקט?

ר' אביעד לאזט אראפ די אויגן: "האסט אנגערירט אביסל א ווייטאגליכע נקודה. בעצם, פארמאגן מיר נישט קיין פינאנצירונג, און דאס איז אונזער גרעסטער פראבלעם. אדרבה ווער עס קען זיין א מזכה את הרבים וואס אויף אזעלכע שטייט "ומצדיקי הרבים ככוכבים" און שטיצן אונזער ארבעט, אדער פארשאפן נדבות דאס צו פארשפרייטן ווייטער פאר אנדערע אידן, וועט אודאי געבענטשט ווערן פון הימל.

"איך וועל דיר געבן א ביישפיל איבער'ן חשיבות פון דאס פארשפרייטן. איך האב געהאט אמאל א געשפרעך מיט א ליטווישער ישיבה בחור, און ער האט מיך געפרעגט פון וואו איך האב אויסגעטראפן די אלע זאכן פון מורד זיין אין די אומות העולם און ענליך, האב איך אים געזאגט אז דאס איז א אפענע סוגיא אין גמרא. ער האט בכלל נישט געוואוסט אז עס איז פאראן אזא סוגיא! ער האט מער געקענט די סוגיות פון 'שור שנגח את הפרה' און 'אלו מציאות' וויבאלד דאס לערנט מען אין די ישיבות".


בעזהי"ת
בינ"ו עמ"י עש"ו
יהי לבי תמים בחוקיך למען לא אבוש
קונטרס
ויעמד על ההר
אשר מקדם לעיר
בירור דברים בענין
איסור הכניסה להר-הבית בזה"ז
בזכות החונן לאדם דעת
ומלמד לאנוש בינה ע"י זעיר דמן חברייא
ר' אביעד נייגר הי"ו
בעה"מ ילקוט השבעתי אתכם
גירסת טיוטא ה' (בשלבי עריכה)
אדר ב' התשע"ט
והמשכילים יזהירו כזוהר הרקיע

דער קונטרס וואס איז מברר דעם איסור עליי' להר הבית, ערשינען אין א פרישע אויפלאגע אדר ב' תשע"ט

# וַתַּמְרוּ אֶת פִּי ה' וַתָּזִדוּ וַתַּעֲלוּ הָהָרָה

אין צוגאב צום גראנדיעזן פראיעקט "ילקוט השבעתי אתכם", האט ר' אביעד ווי געזאגט אויך ארויסגעגעבן א צאל קונטרסים און מאמרים וואס מערערע באפאסן זיך אפצופרעגן די אלע 'תורת לאקשן' פון די רעליגעז-ציוניסטישן קרייז וועלכע דרייען אויס די תורה פאר זייערע אינטערעסן, ארייננגערעכנט איבער די טעמע פון ארויפגיין אויפ'ן הר הבית.

דורכאויס דעם פארלאפענעם יאר זענען אזויפיל ווי 22,383 אידן ליידער ארויפגעגאנגען אויפ'ן הר הבית, וואס איז דער גרעסטער ציפער זייט יאר תשכ"ז ווען די ציוניסטישע מיליטער האט עס איינגענומען. ביז 30 יאר צוריק איז כמעט נישט געווען בנמצא קיין רעליגיעזע רבנים וואס זאלן שטיצן דאס ארויפגיין אויפ'ן הר הבית, און עס איז געווען אנגענומען ביי אלעמען אז דאס איז פארבאטן. אין פאקט, ביזן היינטיגן טאג הענגט דארט א טאוול פונעם 'רבנות הראשית' אז מען טאר נישט ארויפגיין אהין.

אבער ווי ר' אביעד זאגט, היות ביים מזרחי'סטישן קרייז איז כמעט אלעס געבויעט אויף געפילישע סענטימענטן, האבן במשך די יארן אנגעהויבן ארייננקומען נייע אידאלאגישע ווינטן וואס האט עס איבערגעדרייט מן הקצה אל הקצה, אזוי ווייט אז אן אנקעטע אינעם מזרחי'סטישן 'מקור ראשון' צייגט אז 75 פראצענט פונעם דאזיגן קרייז איז ביי די מיינונג אז מען מעג ארויפגיין אויפ'ן הר הבית, אלס טייל פון זייער נאציאנאליסטישע אידעאלאגיע צו ווייזן 'בעלות' אויף ארץ ישראל.

"בקעה מצא והניחו מקום להתגדר בו", ר' אביעד האט דאן אונטערגענומען א פרישער פראיעקט אפצושלאגן די מזרחי'סטישע ליגנטס, און פארעפנטליכט א קונטרס מיט'ן נאמען "מסורות מסולפות בכניסה להר הבית", וואס איז פארגאנגענעם אדר ב' ווידעראמאל ערשינען אין א פרישע אויפלאגע מיט'ן נאמען "ויעמוד על ההר אשר מקדם לעיר".

זה דרכם כסל למו פון די מזרחי'סטישע קרייזן, ווען זיי




העסליכע גראפיטי אינעם מזרחיסטישן קרית משה געגנט קעגן ר' אביעד: "דא איז א ריין-ציוניסטישע געגנט"

זענען מעתיק פארשידענע ציטאטן פון פריערדיגע ספרים, פארשטייט זיך אזעלכע וואס שטימט מיט זייערע אינטערעסן, אבער מעקן אויס שטיקלעך אדער צענזורירן ווערטער, ברצותם מרחיב ומקצר. דער מזכה את הרבים ר' אביעד האט אין זיין פענאמענאלער ווערק אראפגעברענגט יעדן מקור איינער נאכ'ן אנדערן, און פרעגט אפ אלע זייערע מ'כלומר'שטע 'מקורות' איבער'ן 'היתר' ארויפצוגיין אויפ'ן הר הבית איינס נאכ'ן אנדערן.

מיט עטליכע יאר צוריק האט ר' אביעד זוכה געווען אריינצוגיין אל הקודש פנימה צו כ"ק מרן אדמו"ר מסאטמאר שליט"א און צייגן זיין וואונדערליכער ווערק, און וועלכע דער רבי שליט"א האט מעיין געווען מיט א קענטיגע התפעלות, און אנגעוואונטשן מיט גאר ווארעמע ברכות לרוב ווייטער מפיץ צו זיין דעם אמת'ן דעת תורה מיט הרחבת הדעת און הצלחה רבה.

## וואס איז אייער מעסעדזש צו די ליינער פון "דער בלאט"?

"אשריכם סאטמארע חסידים וואס איר האט זוכה געווען אויפצוואקסן לאור תורתו פון רבינו הק' רבי יואל מסאטמאר זי"ע, וועמענס לעבעדיגע דברי תורה איך האב ב"ה זוכה געווען צו לערנען און עס מפיץ זיין פאר נאך פילע אידן הצמאים לדבר ה'. עס איז נאך דא אסאך ארבעט וואס מען קען טון אין פאל אידן וועלן זיך אנרופן ווארעם ארויסצוהעלפן מיט'ן הייליגן פראיעקט.

"איבער'ן חלק לעולם הבא פון ערליכע אידן המאמינים בה' ובתורתו, בין איך צו קליין צו רעדן, אבער אויפ'ן חלק 'עולם הזה' וואס אמאל קוקט אויס ווי עס געפינט זיך 'אויף די אנדערע זייט', קען איך מעיד זיין, אלס איינער וואס האט געקענט אלע דריי עולמות: די דרויסנדיגע וועלט איז הבל הבלים, עס איז נישט מצליח צוזושטעלן די 'סחורה' וואס דער יצה"ר מאלט אונז אראפ ווי כאילו זי קען צושטעלן.

"דאס ריכטיגע לעבן איז בלויז דורך אנהאלטן די תורה הק' לויט'ן דרך המסורה מדור דור, אנגעהויבן פון משה רבינו וואס האט עס מקבל געווען מפי הגבורה אזוי ווייטער ביז צום היינטיגן טאג. די אלע פארטייען און גרופעס וואס האבן געוואלט אוועקטרעטן פונעם דרך המסורה און טוישן דאס אויסזען פונעם אידישן פאלק, זענען פארלוירן געגאנגען מיט די היסטאריע און עס איז נישט פארבליבן פון זיי קיין זכר.

"דאס זעלבע וועט פאסירן צו מתחדשים פון אנזערע צייט, ארייננגערעכנט די וועלכע רופן זיך 'חרדים' אזוי ווי 'ק. צ.' (א מזרחי'סטישע גרופע אנגעפירט דורך א.ג. חרדי'שע אידן וועלכע אגיטירן אפן פאר ציונות, און איר אנפירער איז א תלמיד פונעם ראדיקאלן עקסטרעמיסט מאיר כהנא), וואס באמת איז שווער צו פארשטיין וואס זיי ווילן דערגרייכן. מיר זעען דאך היינט צוטאגס די 'פירות' פון די וואס זענען נאכגעשלעפט געווארן נאכ'ן ערשטן ציוניסטישן רב הראשי, דאס וואס זיי פרובירן אזוי שטארק נאכצומאכן. טא וואו ווילן זיי אנקומען?"...

מיר געזעגענען זיך פון ר' אביעד נייגער שליט"א מיט התפעלות פון זיין געוואלדיגע ווערק, מיט א ברכה פון טיפן הארצן ער זאל זוכה זיין פארצוזעצן מיט'ן הפצת תורה ויראה און קירוב רחוקים עד ביאת משיח צדקינו בקרוב.